בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון צ"ו

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת משפטים
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וַיְחִי שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזוּנְגֶען דֶער נִיגוּן: "**וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ, וְצֶאֱצָאֵינוּ, וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ, וְצֶאֱצָאֵי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ, וְלוֹמְדֵי תוֹרָתְךָ לִשְׁמָהּ**", אוּן דֶער נִיגוּן: "**מָה אָהַבְתִּי תוֹרָתֶךָ כָּל הַיּוֹם הִיא שִׂיחָתִי**".

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אַזוֹי וִוי דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער, אִיז מִיר גְרִינְגֶער צוּ גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר בַּיי מִיר אִין אָפִּיס אוּן מֶען וֶועט עֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף גֶעבְּן צוּ הֶערְן אִין אַלֶע אָפְּטֵיילוּנְגֶען פוּן דִי מוֹסָד; אִין שְׁטֶעטְל, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין קִרְיַת יוֹאֵל, אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין בְּנֵי בְּרַק, אִין טְבֶרְיָה, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל - אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

### מֶען קֶען נִישְׁט גֶענוּג אַנֶערְקֶענֶען אַ מְלַמֵּד

אַשְׁרֵיכֶם מְלַמְּדִים, ווארִיל אִיז עֶנְקֶער חֵלֶק!

מְלַמְּדִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע אוּן אוֹיסְגֶעדְרָאשֶׁענֶע מֶענְטְשְׁן, מְלַמְּדִים גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר גַאנְצֶע גוּף, מֹחַ, נְשָׁמָה אוּן יֶעדֶעס טְרָאפְּל בְּלוּט - פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מֶען קֶען נִישְׁט גֶענוּג אַנֶערְקֶענֶען אַ מְלַמֵּד, אֲפִילוּ אֵיינֶער זָאל שִׁיקְן מִיט זַיין זוּן יֶעדֶע וָואךְ 'שַׁבָּת גֶעלְט' אוּן יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ 'רֹאשׁ חוֹדֶשׁ גֶעלְט', וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס דֶער מְלַמֵּד טוּט מִיט זַיין זוּן אִין חֵדֶר פַאר 'פִינְף מִינוּט'... לָאמִיר אַבִּיסְל אַרָאפְּלֵייגְן וָואס אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער אִין אַפָּאר מִינוּט: צוּפְרִי מַאכְט אַ מְלַמֵּד זִיכֶער אַז אַלֶעס אִיז גְרֵייט, עֶר וִויל אָנְהֵייבְּן פָארְלֶערְנֶען, פְּלוּצְלִינְג צוּלַאכְט זִיךְ אַ קִינְד, זָאגְט אִים דֶער מְלַמֵּד: "**מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט לַאכְן! יֶעדֶער קוּקְט אַרַיין אִין חוּמָשׁ**", עֶר הֵייבְּט אָן פָארְצוּלֶערְנֶען, אִינְמִיטְן שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קִינְד אוֹיף פוּן פְּלַאץ, רוּפְט זִיךְ דֶער מְלַמֵּד אָן צוּ דֶעם קִינְד: "**אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן חֵדֶר, גֵיי צוּם מְנַהֵל! אוּן יֶעדֶער טַייטְלְט וַוייטֶער אִין דִי חוּמָשׁ**", נָאכְדֶעם בַּאמֶערְקְט דֶער מְלַמֵּד וִוי אַפָּאר קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טַייטְלֶען, דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְהַאקְן דָאס פָארְלֶערְנֶען: "**עֶטְץ הֶערְט נִישְׁט? אִיךְ הָאבּ גֶעהֵייסְן טַייטְלֶען!**"

דָאס אִיז אַבִּיסְל וָואס אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער אִין חֵדֶר... אוּן עֶטְץ - טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים - קוּמְטְס מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע עִבְרִי, דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ, דִי הֵיילִיגֶע דַאוֶוענֶען, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי הֵיילִיגֶע מְזוּזָה, דִי הֵיילִיגֶע צְדָקָה, דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס עֶנְק טוּעֶן אִין כִּתָּה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק בַּאצָאלְן, אוּן דָאס וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן פַאר אוּנְזֶער נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵן זַיין, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן אִין דִי תְּפִלָּה נָאךְ סְפִירַת הָעֹמֶר (מִיטְ'ן נִיגוּן): "**וּלְתַקֵּן אֶת נַפְשׁוֹתֵינוּ וְרוּחוֹתֵינוּ, רוּחוֹתֵינוּ וְנִשְׁמוֹתֵינוּ מִכָּל סִיג וּפְגַם**", יֶעדֶער אֵיינֶער וֵוייסְט דָאךְ וָואס עֶר דַארְף מְתַקֵן זַיין, אוּן צוּ פַאסְטְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין כֹּחַ, פַאר 'סִיגוּפִים' הָאבְּן מִיר אוֹיךְ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אָבֶער אַז מִיר וֶועלְן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען

### אַ תִּיקוּן הַנֶּפֶשׁ

מִיט דִי קִינְדֶער אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועלְן מִיר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

בִּיז אַהֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער הַקְדָמָה צוּם שִׁיעוּר, יֶעצְט וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן דֶעם שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט צוּ לַאנְג מַאֲרִיךְ זַיין, וַוייל אַזוֹי וִוי מֶען גֶעבְּט עֶנְק צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר בַּיי הַפְסָקָה, וִויל אִיךְ עֶטְץ זָאלְטְס קֶענֶען צוּרִיק אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה אִין צַייט.

### דַאוֶוענֶען מִיט אַ פֵייעֶר אוּן הִתְלַהֲבוּת

מֶען דַארְף מִיטְהַאלְטְן דָאס דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אֲפִילוּ דִי מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן שֵׁיין אַרַיינְגֶעזָאגְט דָאס דַאוֶוענֶען אִין אַ רֶעקָארְדֶער, אוּן זֵיי שְׁפִּילְן דָאס אוֹיף בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען, מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִיצְן מַיין טֶעלֶעפָאוֹן אָדֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען, נֵיין! אִיךְ וֶועל וַוייטֶער מִיטְהַאלְטְן דָאס דַאוֶוענֶען, מִיט דַאוֶוענֶען מִיט זֵיי, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי הֵיילִיגֶע דַאוֶוענֶען אַ זִיסְקֵייט, אַ חַיּוּת, אַ פֵייעֶר אוּן אַ הִתְלַהֲבוּת.

### וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער 'הִלְכוֹת תְּפִלָּה'

עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען הֲלָכוֹת מִיט קִינְדֶער; אֵיין מְלַמֵּד הֵייסְט דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגֶען אַ 'מִשְׁנָה בְּרוּרָה', אוּן עֶר לֶערְנְט פָאר הֲלָכָה פוּן אִינֶעוֵויינִיג, עֶר רֶעדְט אוֹיס אַלֶע שִׁיטוֹת, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג קְרִיגְן מִיט דִי קִינְדֶער: "**נוּ! קוּק אַרַיין אִין מִשְׁנָה בְּרוּרָה**", נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט מִשְׁנָה בְּרוּרָה אוּן קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִינְדֶערְהֵיים, אוּן עֶר זָאגְט כְּסֵדֶר אִיבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אַלֶע

הַלְכוֹת וָואס זֵיי דַארְפְן צוּ וִויסְן.

צוּם בַּייִשְׁפִּיל פַאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לֶערְנְט עֶר אוֹיס 'הִלְכוֹת וְתֵן טַל וּמָטָר לִבְרָכָה', אַז אוֹיב מֶען הָאט פַּארְגֶעסְן צוּ זָאגְן 'וְתֵן טַל וּמָטָר לִבְרָכָה', וָוענְדְט זִיךְ וואוּ מֶען הָאט זִיךְ עֶס דֶערְמַאנְט; אוֹיב מֶען הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אִינְמִיטְן בָּרֵךְ עָלֵינוּ - קֶען מֶען עֶס נָאךְ זָאגְן, אוֹיב מֶען הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט נָאךְ בָּרֵךְ עָלֵינוּ - קֶען מֶען עֶס זָאגְן אִינְמִיטְן דִי בְּרָכָה פוּן שְׁמַע קוֹלֵנוּ, אוֹיב מֶען הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וֶוען מֶען הָאלְט שׁוֹין וַוייטֶער - דַארְף מֶען צוּרִיק גֵיין צוּ בָּרֵךְ עָלֵינוּ, אוּן אוֹיב מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט: **"יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי"**, דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, - אַזוֹי קֶען אַ מְלַמֵד אוֹיסְלֶערְנֶען גַאנְץ 'הִלְכוֹת תְּפִלָּה' פַאר דִי קִינְדֶער אָן הֵייסְן פַאר דִי קִינְדֶער צוּ בְּרֶענְגֶען אַ סֵפֶר אוּן פָּארְלֶערְנֶען פוּן אִינֶעווֵייניג.

וֶוען מֶען בַּאמֶערְקְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט פָּארְזִיכְטִיג אִין אַ גֶעווִיסֶע הֲלָכָה, שְׁטֶעלְט מֶען אָפּ דִי רֶעקָארְדֶער אוּן מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"אִיךְ וִויל עֶנְק זָאגְן אַ הֲלָכָה, נָאךְ 'בָּרוּךְ שֶׁאָמַר' טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן", "אִיךְ וִויל עֶנְק זָאגְן אַ הֲלָכָה, בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן", "אִיךְ וִויל עֶנְק זָאגְן אַ הֲלָכָה, דָא דַארְף מֶען זִיךְ בִּיקְן אוּן אַזוֹי בִּיקְט מֶען זִיךְ", "אִיךְ וִויל עֶנְק זָאגְן אַ הֲלָכָה, וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה דַארְף מֶען אוֹיסְטְרֶעטְן אוּן אַזוֹי טְרֶעט מֶען אוֹיס"**, אוּן נָאכְדֶעם דַאוֶונְט מֶען וַוייטֶער לְעֶבֶּעדִיג.

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הָאקְט אַ גַאנְצְן טָאג?

אַ מְלַמֵד הָאט מִיר פְרִיעֶר גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אַ קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ הַאקְן אוּן קְלַאפְּן אוֹיפְן טִישׁ?"** - אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאף אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט פוּן מַיין קִינְד...

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי טִיטוּס הָרָשָׁע (עַיֵין גִיטִין נו:) הָאט גֶעקֶענְט לֶעבְּן וֶוען עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אַ בִּין אִין קָאפּ אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דִינְגֶען אֵיינֶער זָאל קְלַאפְּן פַאר אִים אַז דִי בִּין זָאל שְׁטִיל וֶוערְן, אוּן מֶען הָאט גֶעקְלַאפְּט פַאר אִים דְרַייסִיג טֶעג; וַוייל דָאס בִּיסְל וָואס אִיךְ הֶער מַיין קִינְד הַאקְן אִינְדֶערְהֵיים מוּטְשֶׁעט עֶס אוֹיס מַיין מֹחַ. אִיז וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ אִים אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף פִילְן? דָאס אִיז דָאךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה! אִיז אֶפְשַׁר זָאלְסְטוּ זִינְגֶען דִי חוּמָשׁ מִיט אַ נִיגוּן אוּן בִּשְׁעַתְ'ן זִינְגֶען זָאלְסְטוּ אִים לָאזְן קְלַאפְּן, אֶפְשַׁר וֶועט דִיר דָאס זַיין גְרִינְגֶער, ווייל בִּשְׁעַתְ'ן זִינְגֶען מַאכְט נִישְׁט אַזוֹי נֶערְוֶועז וֶוען מֶען הֶערְט קְלַאפְּן, ווִי וֶוען אֵיינֶער קְלַאפְּט סְתָם אַזוֹי אָן קֵיין נִיגוּן.

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הָאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?

מְלַמְּדִים פְּרֶעגְן מִיר כְּסֵדֶר: **"וָואס טוּ אִיךְ מִיט אַ קִינְד וָואס הָאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?"**

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶס זֶענֶען דָא צְווֵיי מַהֲלָכִים דֶערְבַּיי: עֶס אִיז דָא דִי מַהֲלָךְ וָואס מֶען טוּט אִין דִי וֶועלְט, צוּ זִינְגֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דֶעם נִיגוּן: **"עֶר הָאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט", "עֶר הָאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט"**; רוּף אַרוֹיס דֶעם קִינְד אוּן זָאג אִים: **"אִיךְ זֶע אַז דוּ הָאלְסְט בַּיי גָארְנִישְׁט"**, רוּף אָן דֶעם טַאטְן אוּן זָאג אִים: **"דַיין זוּן הָאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט"**, זָאג פַארְן מְנַהֵל: **"דֶער קִינְד הָאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט"**, אוּן אוֹיב דוּ טְרֶעפְסְט בַּאלְד דֶעם טַאטְן זָאג אִים נָאכְאַמָאל: **"דַיין זוּן הָאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט"...**

נָאכְדֶעם אִיז דָא דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מַהֲלָךְ, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן רפב), דֶער רַבִּי זָאגְט: אֲפִילוּ אַ רָשָׁע - אוֹיב דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אִין אִים עֶפֶּעס גוּטְס, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דוּ וֶועסְט נָאר קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אִין אִים, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן טוּישְׁן צוּם גוּטְן, דֶער רַבִּי טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): 'וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע' אוֹיב דוּ טְרֶעפְסְט אַ קְלֵיינֶע פְּלַאץ וָואס דָארְט אִיז עֶר נִישְׁט קֵיין רָשָׁע, וֶועט פַּאסִירְן 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ', בַּאלְד וֶועסְטוּ זֶען אַז זַיין גַאנְצֶע רְשָׁעוּת אִיז מֶער נִישְׁטָא.

אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם זַאךְ פוּן טְרֶעפְן אִין יֶעדְן קִינְד אַ נְקוּדָה טוֹבָה אוּן אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן מִיט דֶעם, קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן קִינְד.

יֶעדֶער קִינְד הָאט אִין זִיךְ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאךְ וָואס אַן אַנְדֶערֶער הָאט נִישְׁט; אֵיין קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט טֵיילְן עֶסְן, קֶען מֶען אִים מַאכְן גַבַּאי צוּ טֵיילְן עֶסְן, אֵיין קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט צוּזַאמְעֶנְעֶמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג, קֶען מֶען אִים מַאכְן גַבַּאי צַאמְצוּנֶעמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג, אוּן אֵיין קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, אֵיין קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט גְרִיסְן דֶעם מְלַמֵד, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט זִיךְ יֶעדֶער קִינְד זַיינֶע מַעֲלוֹת.

דֶער רַבִּי זָאגְט דָארְט אַז מִיט דֶעם מַהֲלָךְ קֶען מֶען טוּישְׁן אַ מֶענְטְשׁ מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה! אַ מְלַמֵד וָואס הָאלְט פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַ טַאטֶע וָואס הָאלְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אַ זֵיידֶע וָואס הָאלְט פוּן זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאלְט פוּן זַיין אֵיידֶעם, קֶענֶען מִיט דִי צַייט פוֹעֶל'ן צוּ טוּישְׁן יֶענֶעם אַז עֶר זָאל טַאקֶע וֶוערְן אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ.

### אִיךְ בִּין סַיי וִוי נִישְׁט גוּט, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ אוֹיפְפִירְן גוּט?

נִישְׁט אֵיין מָאל רוּפְן מִיךְ עֶלְטֶערְן אָן, מֶען בֶּעט מִיר: **"זָאג פַאר מַיין זוּן דָאס אוּן דָאס, ווייל וָואס דוּ זָאגְסְט פַאר מַיין זוּן נֶעמְט עֶר אָן, עֶס אִיז בַּיי אִים קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים"**, אוּן עֶס אִיז טַאקֶע אִינְטֶערֶעסַאנְט, ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס? דֶער טַאטֶע קְרִיגְט זִיךְ שׁוֹין צְווֵיי יָאר מִיט זַיין בָּחוּר עֶר זָאל זִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט אַ הוּט, אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, פְּלוּצְלִינְג דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אִים אֵיינְמָאל: **"טוּ אָן אַ הוּט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ"** אוּן עֶר טוּט עֶס אָן, ווִי אַזוֹי? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, וֶוען דֶער קִינְד שְׁפִּירְט אַז אֵיינֶער הָאלְט פוּן אִים, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאלְט פוּן מִיךְ, מַאכְט דָאס אַז עֶר זָאל ווֶועלְן טוּן וָואס מֶען זָאגְט אִים.

ווִידֶער וֶוען אַ קִינְד שְׁפִּירְט אַז 'קֵיינֶער הָאלְט נִישְׁט פוּן מִיךְ', אוּן 'אִיךְ בִּין סַיי ווִי נִישְׁט קֵיין גוּט קִינְד, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ פוּן פַארְיָאר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוּט קִינְד, אוּן וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט אִין יְשִׁיבָה קוּמְט דֶער מְנַהֵל גְלַייךְ אַרַיין אִין מַיין כִּתָּה אוּן רוּפְט מִיךְ אַרוֹיס, עֶר אִיז מִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע חוֹשֵׁד אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטוּן, אוּן וֶוען דֶער מְנַהֵל אָדֶער מְלַמֵד אִיז אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט כַּאפּ אִיךְ פֶּעטְשׁ, טְרַאכְט עֶר: 'אַז אִיךְ בִּין סַיי ווִי נִישְׁט גוּט, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ אוֹיפְפִירְן גוּט? לָאמִיר כַאפְּן עֶנְדְזְשׁוֹיעֶן (הֲנָאָה הָאבְּן) אוֹיף דֶער וֶועלְט'. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו.) אוֹיף אַחֵר, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעם בַּת קוֹל פוּן הִימְל אוֹיסְרוּפְן: **"שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים חוּץ מֵאַחֵר"**, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **"הוֹאִיל וְאִיטְּרִיד הַהוּא גַּבְרָא מֵהַהוּא עָלְמָא לִיפּוּק לִיתְהֲנֵי בְּהַאי עָלְמָא"**, אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין סַיי ווִי פַארְפַאלְן, לָאמִיר כַאפְּן הֲנָאָה הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר גֶעגַאנְגֶען טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אַ שְׁמוּץ, וֶוען דִי שְׁמוּץ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: **"דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ תַּנָא?!"** הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶערִיסְן אַ רֶעטֶעךְ פוּן דֶער עֶרְד, עֶר הָאט מְחַלֵל שַׁבָּת גֶעוֶוען, צוּ ווייזְן אַז עֶר אִיז

אַן אַנְדֶערֶער.

קוּמְט אוֹיס, אָדֶער קֶענְסְטוּ זִינְגֶען אַ גַאנְצְן טָאג: **"דֶער קִינְד הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט"**, אָדֶער קֶענְסְטוּ זָאגְן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז: **"עֶר אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, אַ נְשָׁמָה, נָאר עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע נַאטוּר"**.

## דִי לָאנְטְשׁ הָאבּ אִיךְ מֶער לִיבּ...

וִויפִּיל אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן מַיינֶע קִינְדֶער יָארְן, גֶעדֶענְק אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט... אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטְרַאכְט: 'וֶוען גֵייט שׁוֹין זַיין לָאנְטְשׁ', - מֵיינְט דָאס דֶען אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט מַיין מְלַמֵד? - נֵיין! אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט מַיין מְלַמֵד, אָבֶּער דִי לָאנְטְשׁ הָאבּ אִיךְ מֶער לִיבּ גֶעהַאט...

אִיךְ זָאג עֶס עֶנְק, וַוייל אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אַ מְלַמֵד: 'דִי בַּטְלָנִ'ישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען מַיינֶע מְיֻחָסִים, זֵיי הָאבְּן מִיךְ לִיבּ, דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס לוֹיפְן אַוֶועק פוּן מַיין טִישׁ גְלַייךְ וֶוען עֶס קוּמְט הַפְסָקָה, הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט לִיבּ', אוּן עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן דִיךְ אוֹיךְ לִיבּ, נָאר זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ זֵייעֶר לִיבּ צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען; וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט פוּן דִי קִינְדֶער וָואס וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן לָאנְטְשׁ אוּן זֵיי בְּלַייבְּן נִישְׁט שְׁטֵיין אַרוּם דַיין טִישׁ.

## אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין חֵדֶר אוּן אִין שְׁטוּבּ

אִיךְ בֶּעט עֶנְק מַיינֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער.

אַוַודַאי דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּנֶעם מְנַהֵל אַז עֶר דַארְף אַרַיינְקוּמֶען אִין אַ כִּתָּה צוּ מַאכְן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַ מְלַמֵד דַארְף דָאס קֶענֶען אַלֵיין אַוֶועקְשְׁטֶעלְן.

אַ מְלַמֵד וָואס קֶען נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַז קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן בִּשְׁעַת עֶר לֶערְנְט פָאר, אִיז עֶס נִישְׁט קַיין כִּתָּה!

זַייט מִיר מוֹחֵל פַארְן רֶעדְן אַזוֹי שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער דָאס אִיז דֶער מְצִיאוּת, אַ מְלַמֵד וָואס קֶען נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה - אִיז עֶס נִישְׁט קַיין כִּתָּה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִינְדֶערְהֵיים, אַ טַאטֶע וָואס קֶען נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן וֶוען עֶר רֶעדְט זָאלְן אַלֶע קִינְדֶער זַיין שְׁטִיל אוּן אוֹיסְהֶערְן, זַיין וָוארְט זָאל זַיין אַ וָוארְט, אִיז עֶס נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ אוּן נִישְׁט קַיין שַׁבָּת טִישׁ.

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּלוּט אוֹיף מִיר

אָבֶּער מִיר רֶעדְן יֶעצְט פוּן אַ קִינְד וָואס הָאט יָא דֶרֶךְ אֶרֶץ פַארְן מְלַמֵד, נָאר דֶער מְלַמֵד זָאגְט אוֹיף אִים אַז 'עֶר הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט', דַארְף מֶען וִויסְן, וָואס הֵייסְט 'דֶער קִינְד הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?' עֶס אִיז דָאךְ אַ קִינְד! עֶס שְׁטֵייט בְּפֵירוּשׁ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף ט) אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, דַארְף מֶען אִים לָאזְן זִיצְן צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן, מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען אַז דֶער קִינְד זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן חֵדֶר אוּן חַס וְשָׁלוֹם פַיינְט הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מְלַמֵד דַארְף קֶענֶען זָאגְן אוֹיף זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיף מִיר קַיין בְּלוּט, מַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען פוּן מִיר אַ שִׂנְאָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! מַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען פוּן מִיר אַ שִׂנְאָה צוּ דִי גְמָרָא! מַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען פוּן מִיר אַ שִׂנְאָה צוּ דַאוֶוענֶען!

צִי מַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאוֶוענֶען בַּיי מִיר? - דָאס וֵויס אִיךְ נִישְׁט, עֶס וֶועט מִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטֶערְן אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פּוֹעֵלְ'ן בַּיי אֵיין קִינְד אַ גֶעוִויסֶע דֶערְגְרַייכוּנְג, אָבֶּער דֶער עִיקָר גֶעבּ אִיךְ אַכְטוּנְג, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען בַּיי מִיר אַ שִׂנְאָה צוּ אִידִישְׁקֵייט!

## לֶערְנֶען מִיט אַ חַיּוּת

דֶער עִיקָר אִיז אַז דָאס לֶערְנֶען זָאל זַיין מִיט אַ חַיּוּת! אֲפִילוּ מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ, זָאל מֶען אָבֶּער זֶען דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל זַיין מִיט אַ בְּרֶען.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי **"וַאֲנִי"**, מֶען דַארְף דָאס לֶערְנֶען מִיט אַ פֵייעֶר!

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ מַאמֶע רָחֵל וָואס וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט אִין גָלוּת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּהֶערְן אִירֶע תְּפִילוֹת. אוּן מֶען זָאל אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן רָחֵל וִוי זִי הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דִי סִימָנִים פַאר לֵאָה, אַז לֵאָה זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן, אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'מִידוֹת טוֹבוֹת', אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, צוּ זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה.

## דֶער מְלַמֵד דַארְף נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן פוּן דֶעם

אַ מְלַמֵד אִיז מִיר גֶעקוּמֶען זָאגְן: **"אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, לֶעצְטְנְס טְשֶׁעפֶּעט מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ בַּיי מִיר אִין כִּתָּה"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"אָהּ, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם... אַזוֹי קוּמְט עֶס, דָאס זֶענֶען קִינְדֶער! רֶעד צוּם מְלַמֵד עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם"**...

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאג אִיךְ וֶוען אַ מְלַמֵד קוּמְט מִיר פְרֶעגְן: **"רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, לֶעצְטְנְס הָאט פַּאסִירְט אַפָּאר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן קִינְדֶער וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט נִישְׁט אֵיידְל"**, זָאג אִיךְ אִים: **"דָאס זֶענֶען קִינְדֶער! רֶעד צוּם מְלַמֵד עֶר זָאל נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיף קְדוּשָׁה, עֶר זָאל נָאכְאַמָאל זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט אַ צְוֵוייטְנְ'ס קֶערְפֶּער"**...

אָדֶער אַז אַ מְלַמֵד זָאגְט מִיר: **"אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מַיינֶע קִינְדֶער מַאכְן זִיךְ לֶעצְטְנְס נַארִישׁ מִיט נַארִישֶׁע דְזְשָׁאוֹקְס"**, זָאג אִיךְ אִים: **"דָאס אִיז דָאךְ קִינְדֶער, רֶעד צוּם מְלַמֵד עֶר זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן"**...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַנֶערְקֶענְט דַיין אַרְבֶּעט

אִיךְ הָאף אַז דֶער שִׁיעוּר וֶועט עֶנְק גֶעבְּן אַ פְרִישֶׁע חַיּוּת עֶטְץ זָאלְטְס גֶעדֶענְקֶען אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַנֶערְקֶענְט מַיין אַרְבֶּעט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וִוי שְׁוֶוער אִיךְ אַרְבֶּעט'.

וָואס קֶען דֶען אַ טַאטֶע אַרוֹיסְוַוייזְן אֱמֶתְ'עֶ דַאנְקְבַּארְקֵייט פַאר דַיין אַרְבֶּעט? אֲפִילוּ עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ טִיפּ (גֶעלְט-מַתָּנָה) וֵוייסְט עֶר דֶען וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ טָאג אִין חֵדֶר?! אָדֶער עֶר זָאל דִיר קוּמֶען זָאגְן: **"שְׁכֹּחַ"**, - עֶס וַוייזְט טַאקֶע אַז עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר קוּמְט זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, אָבֶּער וֵוייסְט עֶר דֶען וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ טָאג אִין חֵדֶר?! - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אִין חֵדֶר, אוּן דָאס וֶועט זַיין **"לְתַקֵּן אֶת נַפְשׁוֹתֵינוּ וְרוּחוֹתֵינוּ, וְנִשְׁמוֹתֵינוּ מִכָּל סִיג וּפְגַם"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר גֵייעְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּר מִצְוָה מַאכְן בְּקָרוֹב, אוּן מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ מַאכְן בְּלוֹיז אַ קִידוּשׁ שַׁבָּת אִין שׁוּל, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אוֹיסְצוּוַואַרְפְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוֹיף דִי עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פוּן דִי שִׂמְחָה, וּבִפְרַט אַז מֶען הָאט נִישְׁט פוּן וואוּ דָאס צוּ בַּאצָאלְן.

דֶער פְּרָאבְלֶעם אִיז אָבֶער אַז מַיין זוּן, דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר, אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן דֶערְפוּן. וִויפִיל מִיר הָאבְן פְּרוּבִּירְט אִים מַסְבִּיר צוּ זַיין דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ מַאכְן אַ בִּילִיגֶע שִׂמְחָה אוּן נִישְׁט אַרֵיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת - וְוייל עֶר דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוֹיךְ הָאט עֶר מוֹרָא פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים וָואס לַאכְן פוּן אִים אַז עֶר גֵייט נִישְׁט הָאבְן אַ נָארְמַאלֶע בַּר מִצְוָה אִין אַ זַאל אַזוֹי וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט חִיזּוּק אוֹיף דֶעם עִנְיָן, וֶועט דָאס אִים גֶעבְן דִי כּוֹחוֹת עֶס יָא צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי חִינוּךְ וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'דַארְף' הָאבְן קוֹיפְט מֶען אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'וִויל' הָאבְן - וַוייל יֶענֶער הָאט דָאס - קוֹיפְט מֶען נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַן אֶמֶתְ'עֶ לֶעבְן; וָואס מֶען לֶעבְּט פַאר זִיךְ, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט וַוייל יֶענֶער לֶעבְּט - דֶעמָאלְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְּרַאוֶוען זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, וִוי אַ בַּר מִצְוָה, חֲתוּנָּה וְכַדוֹמֶה, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט בֶּעטְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת וַוייל 'יֶענֶער' מַאכְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, נָאר זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה אַלֵיינְס אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז טַאטֶע מַאמֶע הָאבְן נִישְׁט וְכוּ'.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בַּיי אוּנְז אִינֶעם מוֹסָד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז מֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער צוּ לֶעבְן פַאר זִיךְ אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם; מֶען לֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ אוֹיף דֶעם - בְּעִיקָר בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ - אַז נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'וִויל' בַּאקוּמְט מֶען. מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דֶער חִילוּק פוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען 'דַארְף' אוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען 'וִויל'.

אִיךְ כַאפּ אָן אַ דֻגְמָא. וֶוען עֶס קוּמְט אָנְהוֹיבּ יָאר, דִי צַייט וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן שׁוּלֶע יָאר, אוֹיבּ קֶען מֶען נָאךְ נוּצְן דִי טַאשׁ (בְּרִיפְקֶעְיס) פוּן פַארְיָאר - 'דַארְף' מֶען נִישְׁט קוֹיפְן אַ נֵייעֶ; עֶס קֶען זַיין צוּמָאל אַז מֶען 'וִויל' אַ נֵייעֶ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ 'וִויל' נֵייעֶ אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן וְכוּ', אָבֶער מֶען אִיז מַסְבִּיר אִין שׁוּלֶע פַאר דִי קִינְדֶער אַז אַ נֵייעֶ טַאשׁ קָאסְט פַאר דִי עֶלְטֶערְן גֶעלְט. מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אַז זַאכְן קָאסְטְן גֶעלְט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מוּטְשֶׁען דִי טַאטֶע מַאמֶע אוּן בְּלָאזְן, סְטְרַאשֶׁענְדִיג אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּלֶע בִּיז מֶען בַּאקוּמְט אַ נֵייעֶ; אֲפִילוּ עֶס רֶעדְט זִיךְ דָא פוּן קְלֵיין גֶעלְט, אָבֶער אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי דָאס פַארְשְׁטֵיין וֶוען עֶס קוּמְט זֵייעֶר צַייט חֲתוּנָּה צוּ הָאבְן אָדֶער בַּר מִצְוָה הָאבְן אוּן זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ דַארְפְסְט אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת וְכַדוֹמֶה, זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה. בַּיי דִי שַׁבָּתְ'דִיגֶע סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען: "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וָואס דֶער גִיבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין תַּאֲוַת מָמוֹן", אוּן וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט: "נָאכְאַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ פָארְן קַיין יַבְנְאֵל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט, זָאלְסְט גֶעבְן אַ קוּק וָואס שְׁטֵייט בַּיים אַרֵיינְגַאנְג צוּם בֵּית הַמֶדְרָשׁ; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְן אוֹיפְ'ן טִיר פוּנֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ דִי וֶוערְטֶער: "הַבַּעַל תְּפִלָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל", אִין אִידִישׁ: "דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט: נָאכְאַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זַיין אִין יַבְנְאֵל גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ נָאר צוּ זֶען דֶעם טָאוְול; דָאס בְּרֶענְגְט יֶעדֶעס מָאל אַרֵיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, זֶעעֶנְדִיג וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

לֵיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו', מכתב תקיג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876